**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/5/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון טראנספארמאטיווער 739 מיליאן דאלארדיגער KEW GARDENS אינטערטשעינדזש פראיעקט אין קווינס

***פראיעקט וואס ווערט געמאכט אין מערערע שטאפלען מאכט איבער גאר פארנומענע גאס, פארבעסערט צוטריט צו JFK לופטפעלד, פארמערט זיכערהייט און שטופט פאראויס אמביציעזע קלימאט ציהלן***

***פארשטערקערט קלימאט שטאנדהאפטיגקייט מיט פארבעסערטע שטורעם וואסער אפלויף לענגאויס די געסער***

***מוטיגט מערערע טראנספארטאציע מיטלען מיט א ספעציעלע וועג פאר פיסגייער און ביציקליסטן***

***זעהט ווידעאו פארשטעלנדיג דעם פראיעקט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון דעם 739 מיליאן דאלארדיגן Kew Gardens אינטערטשעינדזש פראיעקט אין קווינס, ברענגנדיג צום שלוס א פילפאכיגע אונטערנעמונג פון ניו יארק סטעיט צו איבערמאכן די גאר פארנומענע גאס. דער טראנספארמאטיווער פראיעקט האט אדרעסירט א רייע פון וויכטיגע פראבלעמען וועלכע זענען געקומען פון די סטרוקטורישע און אפעראציאנאלע שוואכקייטן פון די אלטע אינפראסטרוקטור, ווייזנדיג וויאזוי א מער סטראטעגישע דעזיין מיט א ווייטע בליק קען ברענגען לייזונגען און ארויסנעמען די מאקסימום בענעפיטן פאר די פובליק.

"די טראנספארמאציע פון די וויכטיגע אינטערטשעינדזש נעבן איינס פון ניו יארק'ס גרויסע לופטפעלדער איז די לעצטע עררייכונג אין אונזערע באמיאונגען צו מאדערניזירן די סטעיט'ס טראנספארטאציע נעטווארק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פארענדיגטע איבערמאכונג פון די Kew Gardens אינטערטשעינדזש וועט ברענגען א זיכערערע, ווייניגער אנגעלייגטע נעטווארק פון געסער, פארבעסערנדיג דערביי די ערפארונג פון אריבערפארן דארט פאר די כמעט 600,000 טעגליכע מאטאריסטן, פארבעסערנדיג די קוואליטעט פון לעבן און פארשטערקערנדיג די ראיאנישע עקאנאמיע פאר פילע צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

די איבערגעמאכטע Kew Gardens אינטערטשעינדזש ערלויבט צו אדורכפארן שנעלער, זיכערערהייט ארויפקומען אויף- און אראפגיין פון די גאס און מער פארלעסליכע וועגן פאר די הונדערטע טויזנטע ארבייטער, רייזנדע און לאקאלע ביזנעסער וועלכע באנוצן זיך דערמיט טעגליך צו אנקומען צו די דזשאן פ. קענעדי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד און צו אנדערע וויכטיגע דעסטינאציעס אריבער די ראיאן. עס האט 22 נייע בריקן, דריי איבערגעמאכטע בריקן, ברייטערע ליניעס, נייע ליניע אויסשטעלונגען, נייע שילדן, פארבעסערטע שטורעם וואסער אפלויף סיסטעמען און א נייע ספעציעלע וועג פאר פיסגייער און ביציקליסטן.

די און אנדערע פארבעסערונגען ברענגען צוזאמען מער זיכערהייט און שטאנדהאפטיגקייט פאר אלע באניצער אין קווינס און אין די ארומיגע קאמיוניטיס.

די Kew Gardens אינטערטשעינדזש איז די פארצווייגטע אינטערסעקשען צווישן גרענד סענטראל פארקוועי, די וואן וויק עקספרעסוועי, די דזשעקי ראבינסאן פארקוועי און יוניאן טוירנפייק, דינענדיג כמעט 600,000 קארן אויף א טעגליכן פארנעם. אין די פארגאנגענהייט האבן גרויסע שוואכקייטן אריבער די גאנצע אינטערטשעינדזש בייגעשטייערט צו אנגעלייגטע טראפיק און העכערע עקסידענט ראטעס פון די דורכשניט. נאך א פארזיכטיגע איבערבליק האט די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT) געקומען צו א מסקנה אז א גרויסע און ברייט-פארצווייגטע אונטערנעמונג פעלט אויס צו אדרעסירן די פראבלעמען אויף א צופרידנשטעלנדן פארנעם, און זי האט אינוועסטירט א סכום פון 739 מיליאן דאלאר אלעס צוזאמען צו מאכן א צאל סטרוקטורישע און אפעראציאנאלע פארבעסערונגען דורך פיר קאנסטרוקציע קאנטראקטן אויף די אינטערטשעינדזש.

די פערטע און לעצטע שטאפל וואס האט געקאסט 366 מיליאן דאלאר און איז פינאנצירט געווארן דורך די סטעיט האט צוזאמגעבינדן די פארבעסערונגען וועלכע זענען שוין געמאכט געווארן אין די ערשטע דריי שטאפלען פון קאנסטרוקציע. עס האט אינסטאלירט פינף נייע בריקן און ערזעצט זעקס עקזיסטירנדע בריקן, עס האט פארברייטערט ליניעס און שאָלדערס; פארבעסערט די ראמפעס ארויף און אראפ צו פארבעסערן די פלוס פון טראפיק; געטוישט די אויסשטעללונג פון ליניעס פארן ארויפקומען און אראפגיין אויף א זיכערערן אופן; פארבעסערטע ווייטקייט ווי ווייט דרייווערס קענען זעהן; נייע שילדן; און פארבעסערונגען צו די באלייכטונג, וואסער אפלויף און לאנדשאפט.

אין אקטאבער 2021 האט גאווערנער האקול אנאנסירט באדייטנדע עררייכונגען אלץ טייל פון די פערטע שטאפל פונעם פראיעקט, אריינרעכענענדיג דאס פארענדיגונג פון די נייע ראמפעס וועלכע וועלן צושטעלן גרינגערע וועגן פאר דרייווערס וועלכע קומען ארויף אויף די מערב-ריכטונג גרענד סענטראל פארקוועי פון די מערב-ריכטונג יוניאן טוירנפייק, און פאר די וועלכע פארן פון די מזרח-ריכטונג דזשעקי ראַבינסאן פארקוועי ביי עקזיט W8 צו די גרענד סענטראל פארקוועי. אין יענע צייט האט די פערטע פראיעקט שטאפל אויך פארלענגערט די ליניע פון וועלכע דרייווערס רוקן זיך ארויף פון די מזרח-ריכטונג דזשעקי ראבינסאן פארקוועי ארויף אויף די מערב-ריכטונג גרענד סענטראל פארקוועי – א זאך וואס האט ערלויבט אראפצונעמען די 'סטאָפּ סיין' ביי די ענדע פון די ראמפע – און אזוי אויך האט עס פארבעסערט די וואסער אפלויף סיסטעמען.

זינט דעמאלטס האט די פערטע פראיעקט שטאפלל פארגעזעצט צו אוועקנעמען נאך א 'סטאָפּ סיין' פון די דזשעקי ראבינסאן פארקוועי ארויף צו די מזרח-ריכטונג גרענד סענטראל פארקוועי. דער פראיעקט האט אויך אויסגעפלאסטערט א ליניע וואו די קארן וועלכע פארן ארויף אויף די ראמפע פון די מערב-ריכטונג יוניאן טוירנפייק ארויף צו די מערב-ריכטונג גרענד סענטראל פארקוועי קענען פארשנעלערן זייער שנעלקייט צו זיך אויסמישן מיט טראפיק, און עס האט אזוי אוועקגענומען א סטאָפּ סיין וואו די צווי געסער טרעפן זיך.

דער פראיעקט האט פארבעסערט די ראמפעס – אויף די זעלבע הייעך ווי די געסער – צווישן די גרענד סענטראל פארקוועי, יוניאן טוירנפייק, דזשעקי ראבינסאן פארקוועי, דרום-ריכטונג וואן וויק עקספרעסוועי און צפון-ריכטונג וואן וויק עקספרעסוועי מיט שאָלדערס מיט די געווענטליכע ברייטקייט צו ערלויבן פאר זיכערערע אפעראציעס. דאס נאכאמאל אויספלאסטערן די ראמפע מיט איין ליניע פון די דרום-ריכטונג וואן וויק עקספרעסוועי צו די מערב-ריכטונג דזשעקי ראבינסאן פארקוועי האט געמאכט די ליניע צו זיין מיט די געהעריגע ליניע ברייטקייט און אויך א שאָלדער מיט געהעריגע ברייטקייט פאר זיכערערע אפעראציעס.

דער פראיעקט האט אויך איבערגעבויט די שטורעם וואסער אפלויף סיסטעם צו פארמינערן פארפלייצונגען פון די עקזיסטירנדע געסער, באזונדערס לענגאויס גרענד סענטראל פּארקוועי, יוּניאן טוירנפּייק און דזשעקי ראבינסאן פארקוועי.

אין צוגאב האט דער פראיעקט אדרעסירט פיסגייער זיכערהייט, עפענענדיג א ספעציעלע וועג פאר פיסגייער און ביציקליסטן צושטעלנדיג צוטריט צו די Kew Gardens-יוניאן טוירנפּייק סאָבוועי סטאנציע און רעכנט אריין ביציקל צוטריט פון און צו עקזיסטירנדע ביציקל וועגן. די ספעציעלע וועג עלימינירט א פיסגייער וועג וואס האט בעפאר דעם געצווינגען פיסגייער אריבערצוגיין די גאס דריי מאל אויף פלעצער וואו קארן פארן גאר שנעל.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט זעצט ניו יארק סטעיט פאר צו זיין א נאציאנאלע פירער, זיך רוקנדיג פאראויס מיט קריטישע אינפראסטרוקטור, ארויסווייזנדיג וויאזוי די גרויסע אינוועסטירונגען אין טראנספארטאציע העלפן טרייבן אונזער עקאנאמיע און אויפהייבן קאמיוניטיס מיט פארלעסליכע וועגן. טויזנטע ארבייטער, רייזנדע און טראק דרייווערס פארן אריבער די Kew Gardens אינטערטשעינדזש יעדן טאג צו אנקומען צו זייערע דעסטינאציעס אריבער גאנץ ניו יארק סיטי און לאנג איילענד. מיט דעם פראיעקט מיט מערערע שטאפלען ווערנדיג ענדליך פארענדיגט קענען מיר פארזיכערן א זיכערערע און מער געשליפענע פלוס פון מענטשן און סחורות ביי די קריטישע גאס."

**סטעיט סענאטאר דזשאָוסעף פּ. אדאַבאָו דזשוּניאר, האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט וואס איז געמאכט געווארן אין עטליכע שטאפלען ברענגט מיט זיך גענצליך נייע אינפראסטרוקטור פאר דרייווערס צו די קריטישע גאס. די Kew Gardens אינטערטשעינדזש וועט ערלויבן רייזנדע גרינגערע צוטריט צו די פילע וויכטיגע דעסטינאציעס ארום קווינס, אריינרעכנענדיג די JFK לופטפעלד. דורכן מאכן די געסער גרינגער און זיכערער צו דורכפארן – פאר דרייווערס, ביציקליסטן און פיסגייער צוגלייך – וועלן די מענטשן וואס פארן אריבער די געסער יעדן טאג און אזוי אויך די וועלכע פארן דורך אונזער שטאט אלע בענעפיטירן."

**אסעמבלי מיטגליד ענדרוּ העוועסי האט געזאגט,** "שטארקע, מאדערנע אינפראסטרוקטור איז די רוקן ביין פון אונזערע קאמיוניטיס. דאס וועט פארבינדן מענטשן פון ארום גאנץ קווינס און אויך מאכן די טעגליכע רייזעס גרינגער פאר די טויזנטע דרייווערס, ביציקליסטן און פיסגייער. איך רעד אין די נאמען פון אלע אונזערע שכנים ביים אויסדרוקן אונזער דאנקבארקייט צו די סטעיט DOT און גאווערנער האקול פארן האבן די ווייטע בליק און די מיטלען צו דורכפירן די מאסיווע אונטערנעמונג אויף א ווירקזאמן פארנעם."

**קווינס בארא פרעזידענט, דאַנאוון ריטשארדס דזשוּניאר, האט געזאגט,** "די ערפאלגרייכע איבערמאכונג פון די Kew Gardens אינטערטשעינדזש וואס געפונט זיך בלויז אינדרויסן פון די קווינס בארא האָל איז א באדייטנדע עררייכונג און א גרויסע דערגרייכונג אין אונזער אנגייענדע שטופ צו מאדערניזירן קווינס'ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור. דרייווערס און מענטשן וועלכע פארן דורך די אינטערטשעינדזש טעגליך צו אנקומען צו מיין אפיס און צו אנדערע דעסטינאציעס אריבער גאנץ קווינס וועלן יעצט האבן זיכערערע און גלאטערע רייזעס מיט ווייניגער אנגעלייגטע טראפיק און קורצערע רייזעס. דער Kew Gardens אינטערטשעינדזש פראיעקט איז געווען א קריטיש-וויכטיגע אונטערנעמונג, און איך דאנק גאווערנער האקול און די סטיעט טראנספארטאציע קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, פארן באגלייטן דעם פראיעקט ביזן ענדע."

אין די פאַרגאַנגענהייט האט די פאַרענדיגטע ערשטע שטאַפּל פון דעם פּראיעקט אַריינגערעכנט דאָס פאַרברייטערן א טייל פון די וועסט וויק עקספּרעסוועי און דאָס איבערמאַכן די עקזיט ראמפּע פון די צפון-ריכטונג וועסט וויק צו די מערב-ריכטונג Queens Boulevard, פיר בריקן העכער די וועסט וויק, די וועסט וויק בריק העכער מעין סטריט און די קווינס בולעוואַרד בריק העכער מעין סטריט. די פראיעקט האט אויך אריינגערעכנט דאָס אויספלאַסטערונג פון צוגעלייגטע ליניעס אויף סיי די צפון און דרום-ריכטונג וועסט וויק צווישן די גרענד סענטראל פּאַרקוועי און מעין סטריט, און עס האט צוגעברענגט נאך אן עקזיט ליניע פאר די דרום-ריכטונג ארויסגאנג צו הילסייד עוועניו.

די פאַרענדיגטע צווייטע שטאַפּל פון דעם פּראיעקט האט אויפגעבויט א נייע, ברייטערע צפון-ריכטונג וועסט וויק עקספּרעסוועי 'וויעדאַקט' בריק, וועלכע האט אויף זיך דריי ליניעס צו פארן יעצט אַז די דריטע שטאַפּל איז שוין פאַרענדיגט. אין צוגאב דערצו, האט עס ערזעצט די איין-ליניע איינגאנג ראמפּע פאַרבינדנדיג די דזשעקי ראַבינסאָן פּאַרקוועי און די יוניאן טורנפּייק מיט די צפון-ריכטונג וועסט וויק עקספּרעסוועי מיט א נייע צוויי-ליניע ראמפּע. א נייע 'דעק' (טעראַסע) איז אינסטאלירט געווארן אויף די מזרח-ריכטונג יוניאן טורנפּייק בריק העכער די גרענד סענטראל פּאַרקוועי פאַרבינדנדע ראמפּעס, און א נייע דעק און אייזנע זיילן (אין די לענג) זענען אינסטאלירט געווארן אויף די בריק וואו יוניאן טורנפּייק און די דזשעקי ראַבינסאָן פּאַרקוועי גיסן זיך צוזאַם.

די פאַרענדיגטע דריטע שטאַפּל האט ערזעצט די עקזיסטירנדע, פאַרעלטערטע צוויי-ליניע וועסט וויק עקספּרעסוועי דרום-ריכטונג 'וויעדאַקט' בריק העכער די גרענד סענטראל פּאַרקוועי מיט איין לאַנגע דריי-ליניע 'וויעדאַקט' בריק, און עס האט אויסגעפלאַסטערט נייע עקזיטס צו די מערב-ריכטונג יוניאן טורנפּייק און די דזשעקי ראַבינסאָן פּאַרקוועי. די דריי ליניעס פון די וועסט וויק עקספּרעסוועי גיסן זיך אויך יעצט צוזאַם מיט צוויי ליניעס פון די גרענד סענטראל פּאַרקוועי פאר א לענגערע ווייטקייט.

פּאַלאָוט די ניו יארק סטעיט DOT אויף Twitter: @NYSDOT און NYSDOT New York City Twitter | (@NYSDOT_NYC). טרעפט NYSDOT אויף Facebook ביי facebook.com/NYSDOT.

###